Tsukunft = The Future
New York, Zukunft Press Federation.

Find this Book Online: https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015085547613

Digitized by Google

Original from
UNIVERSITY OF MICHIGAN

Public Domain, Google-digitized

We have determined this work to be in the public domain, meaning that it is not subject to copyright. Users are free to copy, use, and redistribute the work in part or in whole. It is possible that current copyright holders, heirs or the estate of the authors of individual portions of the work, such as illustrations or photographs, assert copyrights over these portions. Depending on the nature of subsequent use that is made, additional rights may need to be obtained independently of anything we can address. The digital images and OCR of this work were produced by Google, Inc. (indicated by a watermark on each page in the PageTurner). Google requests that the images and OCR not be re-hosted, redistributed or used commercially. The images are provided for educational, scholarly, non-commercial purposes.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:02 GMT

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:02 GMT
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015085547613 / Public Domain, Google-digitized

JUN 5 1928

# די צוקונפט

## THE FUTURE

GENERAL LIBRARY
UNIVERSITY OF MICH
ANN ARBOR MICH

רעדאקטירט פון
א. ליעסין
ארויסגעגעבען פון
„פארווערטס" אסס'ן
פרייז 15 סענט

JUNE 1928 דזשון

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:02 GMT
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015085547613 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from
UNIVERSITY OF MICHIGAN

# THE FUTURE

(THE ZUKUNFT) — *The Yiddish Monthly* —"די צוקונפט„

**Vol. XXXIII. JUNE, 1928 No. 6**


## אינהאַלט-פאַרצייכניס:


א. ליעסין — די וואַהלען אין דייטשלאַנד — 309

ג. שאַפּמאַן — צוויי בילדער — 311

יונה וויליאַמצער — פּ. ב. אַקסעלראַד (אויפ'ן פרישען קבר) — 312

יונה ראַזענפעלד — דאַס לעבען רופט (ערצעהלונג) — 315

פּראָפ. מ. קראַל — בירא-בידזשאַן (פּאָליטישע עקספּעדיציעס און וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציעס — 321

אבא שטאָלצענבערג — רואינען (ליעד) — 325

דר. ה. פראַנק — די אידען אין אַמעריקע אין ציפערען (די אידישע דעמאָגראַפיע אין ליכט פון לעצטען צענזוס) — 326

צבי הירשקאַן — מ. מ. ווינאַווער (פון דער ניט-לאַנגאַניגער פאַרגאַנגענהייט) — 328

לוי גאָלדבערג — קאַמערויקע (פּאָעמע) — 330

פּ. האַרקאַווי — פראַנקרייך — דאַס לאַנד פון קליין-בירגערטום (די סאָציאַל-פּאָליטישע פאַרהעלטענישען און די וואַהלען) — 331

א. ליעסין — אונטער'ן עפּעל-בוים (ליעד) — 336

פּראָפ. ב. ברוצקוס — דער ווירטשאַפטליכער גרונט פון דעם קריזיס אין רוסלאַנד (די גרויסע פראַגען, וואַס מוזען און קענען ניט געלייזט ווערען) — 337

דניאל טשאַרני — די שטראַף-עקספּעדיציע (בלעטלאַך פון א לעבען) — 343

ז. שוסטער — די אידען אין ליטע — 346

א. מ. דילאָן — ליעד — 347

ל. רובינאָוו — דער קאַמף צווישען אידיש און העברעאיש (צו דער פראַגע וועגען דעם אידישען שול-וועזען און אידישער קולטור אין מזרח-אייראָפּע) — 348

זישא לאַנדוי — דער טויטער חתן (אַן אַלט-ענגלישע פאָלקס-באַלאַדע — 351

י. פּיראַזשניקאָוו — די זייטיגע ווירקונג פון מוזיקאַלישע טענער אויף ניט מוזיקאַלישע נעביטען — 352

ב. קאַפּמאַן — מאַקס וועבער (דער מאָדערנער אידישער קינסטלער, וואַס איז אַזוי באַריהמט ביי די גויים און אַזוי ווייניג באַקאַנט ביי די אידען) מיט רעפּראָדוקציעס — 354

א. ר. מלאכי — אידיש אין ארץ ישראל — 357

שרה רייזען — ליעדער — 358

ש. ראַבינאָוויטש — אין אַמעריקאַנער זשורנאַלען — 359


## פון דער ביכער-וועלט


ש. ניגער — א. לוצקי'ס מעלאָפּראַזע (א. לוצקי'ס בוך ליעדער: „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך!" — 361

מ. איוועןסקי — „חזון הדורות" (אין דער פּערספּעקטיוו פון דורות) פון דר. ש. בערנשטיין — 365



**Subscription Rates**

Single Copies.......... 15c.
One Year.............. $1.50
One Year (Manhattan, Bronx, Canada) .... $1.75
One Year, Europe.... $2.00

### וויכטיג פאַר סובסקרייבערס

1) ווען איהר ענדערט אייער אדרעס, ביטע מעלדעט אונז ווענען דעם ניט שפּעטער ווי דעם 15טען פון מאָנאַט, כדי מיר זאָלען קענען אייך שיקען דעם נעקסטען נומער אויף אייער נייעם אדרעס.

2) שרייבט אונז דעם אלטען אזוי גוט ווי דעם נייעם אדרעס.

### סובסקריפּשאַן פּרייז:

איינצעלנע קאָפּיעס....... 15ס
א יאָהר ............. $1.50
א יאָהר (מאַנהעטען, בראָנקס, קענעדא) .. $1.75
א יאָהר אויסלאַנד .... $2.00

Published by the Forward Association, 175 East Broadway, New York, N. Y.

Entered as Second Class matter May 29, 1914, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879

# פון דער ביכער-וועלט

ש. ניגער

## א. לוצקי׳ס מעלאָפּראָזע

א. לוצקי: נעהמט עס! ס׳איז גוט פאר אייך! פיער ביכער אין איין באנד, פארלאג „אבאנענטען“, ניו־יארק, 1927.

אין א. לוצקי׳ס זאָגען (ער איז דאָך מעהר זאָגער ווי זינגער) — זיינען דא צווייפעלהאפטע זאכען און עס זיינען דא זיכערע, צו די ספקות געהער׳ען, א שטיינער: די ליריש־קייט און די ליבע צו נאַטור־זאכען. איז לוצקי באמת א לירי־שער פאעט אדער ער קומט אונז נאר צו לאזען הערען תורה און חכמה׳ס און קלוגע, כיטרע ווארט־טענצעריי? האט ער באמת ליב זאכען, ווי מען מיינט, אדער עד זעהט אומעטום נאר איין זאך: דאס מענשליכע?

אבער די און אנדערע פרעגענישען וויל איך לאזען אויף דערנאך. כ׳וויל אנהויבען פון די ז י כ ע ר ע ר ע פונקטען. אפשר וועלען זיי אונז פירען צו יענע ליניעס, וועלכע זיינען ניט גראד און ניט אזוי פשוט.

זיכער זיינען צוויי זאכען: א) לוצקי איז ניט עהנליך, נאר ניט עהנליך צו אנדערע דיכטער; ב) לוצקי איז דער פאר־שטענדליכסטער און באליבטסטער צווישען אלע יונגע אידישע פאעטען אין אמעריקע.

דעם צווייטען פונקט וועלען אפשר ניט אלע צוגעבען, אבער ביי מיר אליין רופט ער ניט ארויס קיין שום ספקות. און וואס מיך אינטערעסירט, איז: ווי פארט זיך עס פאפולאריטעט מיט עקסטרעמער אייגענארטיגקייט? די, וואס קומען מיט א נייעם אינדיווידועלען, מיט א נייעם אויסטערלישען נוסח, ווערען געוועהנליך אפגעשאצט נאר פון יחידים, פון קליינע הייפעלעך —דער ברייטער עולם האט צו זיי ניט קיין געדולד. לוצקי האט ביים פובליקום אויסגענומען דוקא מיט זיין אנדערשקייט. ווי אזוי האט עס פאסירט?

וועט מען זאגען: לוצקי לייענט־פיר זיינע לידער, ער אימפּראוויזירט זיי — טייטשט ער זיי אויס מיט זיין מימיק, מיט זיין שטים, מיט זיינע באוועגונגען און מאכט זיי דערמיט פאפולער. אבער זאל מען מיר, אדרבה, אנרופען אן אנדער א י נ־ד י ו ו י ד ו ע ל ע ן דיכטער פון דעם יונגער דור, וואס זאל קענען באליבי מאכען זיין פאעזיע ביי גרויסע מאסען דורך דעם, וואס ער וועט זי דעקלאמירען פאר זיי? מיר דוכט, ז׳ז פארקערט, אן אריגינעלער פאעט וואלט נאך מעהר דערווייטערט פון זיך דעם עולם דורכדעם וואס ער וואלט פירלייענען פאר איהם זיינע זאַ־כען. מיר דוכט, אז די שפּראַך פון א מענשען, וועלכע איז באמת אנדערשדיג, מוז קלינגען נאך פרעמדער, ווען מען הערט זי, ווי ווען מען לייענט זי אין א בוך. פון וואנען נעהמט זיך, וואס לוצקי׳ס פערזען קלינגען ווינציגער ניי און אומגעריכט, ווען ער דעקלאמירט זיי, ווי דאן, ווען מען זעהט זיי שווארץ אויף ווייס?

צי שטאמט עס ניט אמאל דערפון, וואס אין בוך האבען לוצקיס אימפּראוויזאציעס די פארם און דעם אויסזעהן פון פערזען, און אזעלכע פערזען זיינען באמת זעלטען, בעת אבער פון דער עסטראדע הערען מיר עס, ווי טשיקאווע פּראָזע — ווי פּראָזע, וואס איז פארקירצט, קאנדענסירט און מוז דערזאגט ווערען מיט די הענט, מיט קלאנגען, מיט מעלאדעקלאמאציע, וואס איז אבער שוין גארניט אזוי אויסטערליש ניי, ווי ווען דאס זאל אנגענומען ווערען פאר א לירישען געזאנג?

איז נישט דאס דער שליסעל צו דער רעטעניש: ווי אזוי פאראייניגט זיך עס אייגענארטיגקייט מיט פאפולאריטעט? איז ניט לוצקי דערפאר אזוי נאהענט און פארשטענדליך צו די צוהער־רער, ווייל ער עפענט פאר זיי, אין תוך, זייער אייגענע וועלט, די, וואס איז זיי גוט באקאנט, נאר ער עפענט זי פון אביסעל אן אומגעריכטער זייט און מיט א מאדנעם שליסעל?

און ווען איך שטעל די דאזיגע פראגע א ן זאג מיט איהר פאראויס דעם ענטפער, בין איך אויסען דערמיט, ק ל ע ר ע ר,

ניט קלענער צו מאכען א. לוצקין. פּראָזע־דיכטונג, ווען זי איז עכט און אריגינעל, איז ניט ווינציגער וויכטיג, ווי לירישע פאעזיע. און איך וויל נאר ווייזען, אז לוצקי איז מעהר פּראָזע־דיכטער, ווי ליריקער.

אויך וויל איך דערקלעהרען (זיך אליין) דעם וואוקס פון מיין אייגענעם איינדרוק פון לוצקיס שרייבען. מיין איינדרוק איז אין אנהויב געווען גאר בלאס, שוואך; שטארקער, אינטענ־סיווער איז ער געווארען, ווען לוצקי האט גענומען פאר׳עפענט־ליכען זיינע אימפּראוויזאציעס, און איך האב דערפיהלט, אז מיר דארבען צוגעהן דערצו ווי צו פיינער און אפט אינטערעכאנ־טער קינסט.ערישער פּראָזע. ניט מיט יענע געהיימע פלאטערנ־דיגע דערוואַטעניש׳ען, מיט וועלכע מיר דערנעהענטערען זיך צו אמת׳ער ליריק.

יענער שטומער, שטילער, כשוף׳דיגער ציטער, וועלכער ברענגט אונז אין באריהרונג מיט וואונדערליכע וועלטען,— דער ציטער פון לירישען געפיהל, איז אין לוצקי׳ס שורה׳ס זעלטען און קארג. ווארטען מיר אויף דעם, ווארטען מיר אומזיסט... לוצקי האט אליין (אין „ווען סע זינגט זיך“) אונז עפעס געזאגט וועגען דעם, וואס איז אזוינס דער לירישער געמיטסצושטאנד:

א קוואל האט זיך איינגעשלאגען
און קוואלט,
קוועלט.

ליכטיגער נישט וויסן.
עס העלט —

און מען ווייס נישט, וואס עס העלט,
וואס עס קלארט.
אז ס׳איז מעהר, ווי מען זעהט,
אז ס׳איז מעהר, ווי מען ווייס...
וואס זיינען ווערטער?

פארמאך די אויגען
און לאז זיך פיהרען דורכ׳ן קול.

קול קומט אומעטום,
איבער אלע הויכען,
אונטער אלע טיפען.
קול —

קייקעלט זיך.
קנייטשט זיך.
פאלד אויף פאלד.
פאלדען פון טענער.
שפּיצען,
סופן.

קוואל, קוועל, קול,
לאז דערזעהן,
לאז דערוויסען זיך.

אבער ער לאזט ניט דערזעהען, ער לאזט ניט דערוויסען זיך דער אמת לירישער „קול“— און אין דעם ליגט זיין סוד, זיין כשוף. ער איז „ליכטיגער נישט־וויסען“. ער איז זעריש, נייט זעענדיג... לוצקיס „קול“ ז ע ט, ו ו י י ס. עס איז דא איז איהם עפּעס א ניכטער־קייט, א קאלטקייט אפילו דאן, ווען ער פארגייט זיך אין עקסטאזן. עס ווייט מיט פּראָזע, מיט שכל׳דיגקייט, מיט חכמה׳ס און חכמה׳לאך אפילו פון זיין — באמת פיינער — מוזיקאלישקייט, אפילו פון זיינע קלאנגען, פון אט דעם לירישסטען טייל זיינעם.

יע, אפילו זיין קלינגען (זעהר אפט זינגט ער נישט, נאר ער קלינגט) מיט׳ן ווארט איז זעלטען ווען ליריש ביז׳ן סוף, ביז אז א סוף. אפילו אין אט די — נאר וואס ציטירטע — ל י ר י ש ע פערזען מישט ער זיך אריין מיט זיינע איינפאלען („קול קייקעלט זיך, קנייטשט זיך — פאלד אויף פאלד — פאלדען פון טענער — שפּיצען — סופ׳ן...“) און רייסט־איבער דעם טאן פון לירישקייט און לאזט נישט פ י ה ל ע ן, אז „ס׳איז מעהר, ווי מען זעהט, אז ס׳איז מעהר, ווי מען ווייס“.

אפילו אין אזעלכע ריין קלאנגענדיגע און באמת געלונגענע לידער, ווי „דזשעז“, איז דער לירישער שטראם פלאך, ווייל ער האט א געדאנקליכען אונטערשטראם, און איהר קענט זיך **ניט**

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:02 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015085547613
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

זעלטען ווען די „טויטע וועלט“ רעדט ביי לוצקי'ן אויף איהר אייגענעם לעבעדיגען לשון. זעלטען ווען ער לאזט דער נאטור זיין, וואס זי איז. אזא זעלטענער פאל איז דאס ליד, וואס הייסט „א רעגען ביינאכט“:

א גאנצע נאכט האט גערעגענט,
האבען אלע טויטע זאכען זיך צערעדט.

א בלעכענער דאך
האט גערעדט אויף זיין בלעכענעם לשון.

די שטייענרנע גאסען האבען גערעדט
אויף זייער הארטער שפראך
צעלאפענע וואסערען האבען גערעדט
און געאטעמט ווי ווייטע פייערען
דורך ווייסע אויפגעפראלטע טויערען
אין מיינע אויערען...

זיינען אוסגעלאפען ווינטען
דורכ'ן לאנגען קארידאר פון דער וועלט
און האבען שטיקער תוהו
אויף מיר געווארפען.

זעלטען ווען די ווינטען זיינען ווינטען, שלוחים פון אוניווערזום, שטיקער תוהו. און דער בלעכענער דאך איז א בלעכענער דאך, וואס רעדט (כאטש ער זאגט אונז גארנישט) אויף זיין בלעכענעם לשון. געוועהנליך איז יעדע זאך, יעדע נאטור־זאך ביי לוצקי'ן ניט דאס, וואס זי איז, נאר דאס, וואס זי וואלט געווען, ווען אין איהר זאל מגולגל ווערען א מענשליכע נשמה. אבער זי, די נאטור, וויל זיין נאטור, ניט דער גלגול פון א מענשען. זי וויל האבען איהר אייגענעם נאמען, ניט ווערען א פסעוודאנים פאר פארשיידענע אנטראפאמארפיזמען. און ווען זי זאל זיך קאנען אויס'טענה'ן מיט די, וואס פארשעמען און פעלשען איהר שטומקייט, וואלט זי גערעדט הארבע דבורים, הערענדיג ווי דער דיכטער זאגט:

גאלדענזייגערל,
האלצענקעסטעלע,
שטויבענשטיינדעלע —
איך פיהל די פרייד אין זיי.
איך זעה געבעט אין זיי:
גלעט מיך,
האלט מיך,
מענש.

זי, „די מוטער פון אלץ, וואס לעבט“, וואלט געזאגט: „ג ל ע ט מ י ך נ י ט. מענש. דו דערשטיקסט מיך אין דיינע ארעמס. עס איז מיר צו־ענג, איך האב קיין לופט ניט אין דיין ווארעמען וועלטעל“. זי וואלט געזאגט: „ה א ל ט מ י ך נ י ש ט. מענש. לאז מיך אפ. איך ווער קליין, איינגעשרומפען אין דיין מענשליכער אטמאספערע“. זי וואלט געמאנט פרייהייט פאר זיך, רעכט אויף זעלבסטבאשטימונג, רעכט אויסצושפרייטען זיך איבער די גרעניצען פון מענשליכע חושים און מענשליכען פארשטאנד, רעכט אויף יענער גרוסער און אייבינער שפראך, וואס די, וועלכע באנעמען זי ניט, רופען זי ש ו ו י י ג ע ן...

אזעלכע טענה'ס וואלט די מאמע־נאטור געקאנט האבען צו א סך אנדערע שרייבער, ניט נאר צו לוצקי'ן. די משלים־מאכער ביי אלע פעלקער זיינען די גרעסטע און עלטסטע נאטור־פארמענשליכער, נאטור־פארקלענערער. ביי אונז האבען די תהלים־זינגערס און די נביאים שוין נאר אמאל אונטערטעניג געמאכט די נאטור און ארויפגעצוואונגען אויף איהר די ארימע מענשען־שפראך. אין אונזער צייט האבען אזעלכע שרייבער ווי מענדעלע, שלום אש, דער נ ס ת ר, אנטראפאמארפיזירט דעם וואלד און דעם קוואל, די זון און דעם וואלקען. אבער... ביי זיי איז עס דאך אביסעל אנדערש ווי ביי לוצקי'ן. זיי האבען אפט געברויכט זייער מענשענשפראך כדי אויסצודריקען זייער באציהונג צו דער נאטור. לוצקי באנוצט די נאטור כדי אנצוווינקען אויף מענשליכע באציהונגען. אפילו די פאבעלדיכטער, אויב זיי זיינען אזעלכע אמת'ע און גרויסע קינסטלער, ווי לאפאנטען אדער קרילאוו, לאזען די חיה'ס לעבען זייער חיה־לעבען, זיי, די שטומע באשעפענישען, מוזען נאר ב ײ ד ע ן מענשליך. ביי לוצקי'ן אבער ל ע ב ע ן זיי א מענשליכען. ניט זייער אייגענעם, לעבען. לוצקי אינטערעסירט זיך גאר ניט מיט די ניט־מענשליכע זאכען. אויב ער קוקט זיך צו און הערט זיך צו צו זיי, איז עס נאר דערפאר, ווייל זייערע באוועגונגען, זייערע פארמען זיינען פאר איהם א גוט מיטעל צו נעמען געוועהנליכע, אלעמען גוט באקאנטע, באגריפען און שטריכען פון מענשליכען לעבען און איבערפארבען און איבערטאן און איבערקרימען זיי אזוי, אז זיי זאלען ווערען גראטעסק און ממילא אינטערעסאנט...

א טאפ זידט. לוצקי שטעהט און קוקט, שטעהט און הערט. אבער די ז א ך אליין געהט איהם נישט אן. ער לאזט איבער פאר די שטיל־לעבען־מאלער צו מאלען א „נאטיור מארט“ פון דעם מאהלען ווענען. ער וויל ניט אויסזאגען דעם סוד פון דער נאטור — ער ווייס אליין ניט. און ער וויל ניט וויסען. ער וויל איינרוימען אונז נאר א מענשליכען סוד. און אט פארוואס ער שטעהט און קוקט זיך צו און הערט זיך צו צום טאפ, וואס זי זידט:

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואסערען האבען דערפיהלט, אז זיי לעבען —
ווילען זיי,
יעדע כוואליע וויל דעם טאפ פאר זיך אליין —
א געיענג.

כוואליעס יאגען זיך איינע נעגען די אנדערע,
איינע די אנדערע ווילען זיך נישט נאכגעבען —
א געשלעג.

א. אז. וו.

נאר איין זאך אין דער נאטור — ק ל א נ ג ע ן — לעבען אפילו ביי לוצקי'ן אמאל זייער א י י ג ע נ ע ם לעבען, אהן קיין שום שייכות צו דער וועלט פון מענשליכע באציהונגען, און א דאנק אט דעם גרויסען באמת קאסמישען כח פון דער קלאנגען־שפראך, פון אט דער ספערן־מוזיק, טרעפט, אז

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די גאנצע וועלט קלינגט אין זיינע אויערען,
ער הערט איהר רוף פון אלע ווייטען.
אין שטילסטער רוה הערט ער ווי זי וויינט.

וועלט וויל ווערען אנדערש.

איידער די וועלט איז געווען,
איז קלאנג געווען.

תהו ובהו האט געוואלט ווערען אויס תהו ובהו,
האט זי געוואיעט איבער אלע וויסטען.
קלאנג האט זיך געטויכט און געהויכט איבער אלע ווילדען.

תהו ובהו האט געוואלט זיך כאפען ביים אייגענעם עכא —
האט זי זיך נאכגעשריגען —
און — און — און

אין דער „קאפעליע“ זיינען דא נאך אזעלכע פערזן. אבער אפילו דארט זיינען דא אהן א שיעור אנצוהערענישען אויף מענשליכע באגריפען. אפילו דער וועלט פון ריינער מוזיק לאזט לוצקי נישט זיין אליין פאר זיך א וועלט, אליין פאר זיך א ציל, און ער ניצט זי אויס ווי א מיטעל איבערצוקרימען און אפצופרישען טאג־טעגליכע איבערלעבענישען, צוגעבענדיג זיי די אויסטערלישקייט פון א גראטעסק.

אפילו דער מוזיקער אין לוצקין גיט זיך אונטער דעם אקטיאר אין איהם, דעם שפילער, דעם ליבהאבער פון דער מאסקע און דעם אנשטעל, דעם, וועלכער האט שטענדיג פאר זיך דעם פובליקום און וועלכער קאן פון איהם צו ווייט נישט אוועקגעהן, מעג ער זיין ווי אינדיווידועל און ווי אייגענארטיג...

אט דערווארט־שפילער אינאיינעם מיט דעם מוזיקער אין לוצקי'ן שאפט זיין אייגענארטיגע, מעהר מאלעריש־דערציילערישע, ווי לירישע, פראזע. איך האב זי אנגערופען מעלאפראזע, ווייל אדער זי איז אליין זינגעוודיג און שפילעוודיג, אדער זי בעט זיך, אז אנדערע זאלען זי זינגען און שפילען.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:02 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015085547613 / Public Domain, Google-digitized

Digitized by Google

Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN